STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02985

HARKAVI'S BIO-BIBLIOGRAFYE

Alexander Harkavy

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אלכסנדר הארקאווי

האַרקאַווי׳ס
ביאָ-ביבליאָגראַפיע

אַרויסגעגעבן פון דעם יובילײ
קאָמיטעט לכבוד האַרקאַווי׳ס
זיבעציק יאָריקן יובילײ.

ניו יאָרק, דעם 6טן מאַי, 1933

א מתנה פון דער היברו פּאָבלישינג
קאָמפּאַני

אַלכסנדר בן יוסף משה האַרקאַווי

(אַ קורצע ביאָגראַפֿיע)

אַלכסנדר האַרקאַווי איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מאַי, 1863 (ט"ז אייר, תרכ"ז) אין נאָוואַרדאָק, ווייס־רוסלאַנד, אין אַ חשוב'ער משפּחה, — פֿון וועלכער עס שטאַמען צ"א אברהם אליהו האַרקאַווי, דבורה ראָם, די טאָכטער פֿון יוסף־בצלאל האַרקאַווי. זיין פֿאָטער, יוסף־משה, אַ זון פֿון נאָוואַרדקער רב, אַ איד אַ למדן, איז געווען אַ סוחר, אָבער ער איז אַראָפּ פֿון מעמד און זיך גענומען צו זייגערמאַכעריי, וואָס ער האָט אַליין זיך אויסגעלערנט. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, געלערנט תנ"ך מיט אַן אויפֿגעקלערטן מלמד לויט מענדעלסאָנס ביאור, דערנאָך — גמרא אין דער תלמוד־תורה. צו 11 יאָר איז אים געשטאָרבן די מוטער און ער איז דערצויגן געוואָרן בא זיין געלערנטן קרוב גרשון האַרקאַווי, אין וועמעס היים ער האָט באַקומען די ערשטע ידיעות אין רוסיש, דייטש, אַריטמעטיק און געאָגראַפֿיע. געלערנט אויך בא פּריוואַטע לערער, ניט וואַרפֿנדיג דערביי די גמרא. צו יענער צייט שוין געשריבן העברעאישע מליצה־אַרטיקלען און שירים, אַרויסגעגעבן אַ האַנט־שריפֿטלאַכן קינדער־זשורנאַל „ילד שעשועים". אין דער ביבליאָטעק פֿון גרשון האַרקאַווי געפֿונען אַ לערנבוך פֿון סיריש אין דייטש און זיך אַביסל באַקענט מיט דער דאָזיגער סעמיטישער שפּראַך.

אויפֿ'ן פּופּצענטן לעבנסיאָר אַוועק קיין ווילנע, עטלאַכע חדשים געלערנט אין בית־המדרש, גלייכצייטיג זיך פּאַרפּולקאָמט אין העברעאישן דקדוק און אין רוסיש; אויס נויט אָנגעקומען אין ראָמס דרוקעריי פֿאַר אַ בוכשטאַבנשלייפֿער, דערנאָך געאַרבעט אין דער פֿירמע אַלס קאַנטאָר־שרייבער. באַנאַכט זיך פֿלייסיג פֿאַרנומען מיט זעלבסט־בילדונג, שטודירט דערהויפּט שפּראַכן. אָנגעהויבן צו שרייבן רוסישע אַרטיקלען, אַפֿילו געפּרובט איבערזעצן „ספר דניאל" אויף רוסיש. אַ קורצע צייט אויך באַזוכט די צייכנשול אין ווילנע,

עטלעכע חדשים געלעבט אין ביאַליסטאָק אַלס העברעאישער לערער, דאַן זיך צוריקגעקערט אויף זיין שטעלע אין קאָנטאָר צו ראָם'ען קיין ווילנע. זיך באַקענט מיט די ווילנער משכילים ווי מרדכי פּלונגיאַן, אליהו שערעשעווסקי, א. מ. דיק, וועלכע האָבן אים מקרב געווען.

צו יענער צייט געהערן זיינע ערשטע ליטעראַרישע פּראָבן אין יידיש, ווי דאָס ליד „על נהרות בבל" און „קאָנטאַרסקע סצענעס".

נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, ווען צווישן דער יידישער אינטעליגענץ האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צו עמיגרירן קיין אַמעריקע אָדער קיין ארץ־ישראל, איז אַלכּסנדר האַרקאַווי צוזאַמען מיט אַ גרופּע ווילנער יונגע לייט צוגעשטאַנען צו דער קיעווער גרופּע — „עם עולם" און אין מאַי 1882 אַוועק מיט זיי קיין אַמעריקע מיט דער כּוונה צו גרינדן דאָרט אַ קאָלאָניע אויף קאָמוניסטישע יסודות.

אין ניו יאָרק איז די גרופּע צעפאַלן און אַלכּסנדר האַרקאַווי, ווי די חברים זיינע, האָט געהאַט גענוג אויסצושטיין. ער האָט געטאָן די שווערסטע אַרבעטן בײַ אויסלאָדן שיפן, אַלס פעלד־אַרבעטער, אַלס געשיר־וואַשער אין אַ רעסטאָראַן, אַלס האַנט אין אַ מצה־פאַבריק א. א. וו.

אין 1885 איז האַרקאַווי אַוועק קיין פּאַריז. דאָרט האָט ער פאַרפאַסט זיין ערשטע פילאָלאָגישע אַרבעט אין העברעאיש, א"ט „שפת יהודית", וואו ער האָט געגעבן אַ היסטאָרישן איבערבליק איבער דער יידישער שפּראַך, פאָרשונגען וועגן אירע ווערטער און אַ יידישער גראַמאַטיק, און אויפגעוויזן, אַז יידיש איז אַ שפּראַך אַזוי ווי אַלע קולטור־שפּראַכן.

באַקענט זיך מיט דער אַרבעט אין כּתב־יד, האָט דער באַוואוסטער יידישער געלערנטער פילאָלאָג, דר. ישראל־מיכל ראַבינאָוויטש, דער איבערזעצער פון תלמוד אויף פראַנצויזיש, אַליין אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, זייער וואַרעם באַגריסט דעם יונגן אידישיסט, פאַרעפנטלעכט וועגן זיין אַרבעט אַן אַרטיקל אין „אַרשיוו איזראַעליט" (1886). ער האָט אויך געראָטן האַרקאַווין ער זאָל דעם גראַמאַטישן טייל פון „שפת יהודית" באַאַרבעטן אין דייטש, און צוגעזאָגט דעריין זיין מיטאַרבעט, אָבער האַרקאַווי האָט דאַן פאַרלאָזט פּאַריז און צוריק אַוועק קיין אַמעריקע און ער האָט די געפּלאַנטע „פערגלייכענדע גראַמאַטיק

דער אידיש־דויטשען שפּראַכע" קיינמאָל ניט פאַרעפנטלאכט. אויך „שפת יהודית" איז געבליבן ניט געדרוקט און בלויז דעם ערשטן טייל דערפון א"ט „היש משפט לשון לשפת יהודית" האָט הארקאַווי שפּעטער פאַרעפנטלאכט אין ראָזענבערג'ס „נר המערבי".

אין 1886 האָט הארקאַווי ארויסגעגעבן אַלס „ערשטעס ביכל" פון אַ שפּראַך־וויסנשאפטלאכער ביבליאָטעק אַן אַפּאָלאָגעטישע בראָשור „די אידיש־טייטשע שפּראַך", וואו „עס ווערן ארומגערעדט די תכונות פון דעם זשאַרגאָן, וועלכער ווערט געברויכט כמעט בא אַ העלפט אידן, און עס ווערט באוויזן דאָס ער איז אַזוי גוט אַ שפּראַך ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן".

אין 1887 איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון דער געמיינדע „שער השמים" אין מאָנטרעאָל, קענעדע, אַלס לערער פון העברעאיש אין דער „היברו פרי סקול", דאָרט אגב ארויסגעגעבן איין נומער פון אַ צייטונג פאַר בילדונג און קאָלאָניזאַציע „די צייט", וועלכע איז געווען געדרוקט ליטאָגראַפיש מיט פון אים אַליין געכתיבה'טע אותיות (די ערשטע אידישע צייטונג אין קענעדע).

פון 1904 ביז 1909 איז הארקאַווי געווען פאַרטרעטער פון דער „האַיאַס" אין דעם ביוראָ פאַר עמיגראַציע אויף עליס איילענד, געווען לעקטאָר פון דער „באָארד אָוו עדיוקיישאָן" אין יידיש איבער אַמעריקאַנער געשיכטע, קאָנסטיטוציע, בילדונג א. א. וו., לעקטאָר פאַר'ן „אַרבעטער רינג" און אויך אין דעם יידישן לערער־סעמינאַר אין ניו יאָרק.

אַלכסנדר הארקאַווי האָט אויסער זיינע ווערטער־ביכער אויך רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן וועכנטלאַכע יידישע צייטונגען, איבערזעצט פיל ביכער אין דער יידישער שפּראַך. האָט זיך זייט 1884 באטייליגט אין פארשיידענע העברעאישע, יידישע און ענגלישע צייטשריפטן, ווי „המגיד", „המליץ", „היום", „הפסגה", „נר המערב", „העברי", „הלאם", „די איזראַעליטישע פרעססע", „יודישע גאַזעטטען", „ניו יאָרקער יודישע אילוסטרירטע צייטונג", „דער קריטיקער", „צוקונפט", „ניו יאָרקער יודישע פאָלקסצייטונג", „אַבענד פּאָסט", „טהעאַטער זשורנאַל", „מיניקעס יום־טוב בלעטער", „פאָרווערטס", ווי אויך אין ענגלישע צייטשריפטן, וואו ער האָט געשריבן פעליעטאָנען, פובליציסטישע און וויסנשאַפטלאכע אַרטיקלען.

אַלכסנדר הארקאַווי האָט אויך רעדאַקטירט אַ מאָנאַטשריפט פאַר וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט: „דער נייער

גייסט", וואו עס האָבן מיטגעאַרבעט די אָנגעזעענסטע אידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטן, ווי ל. בודין, ב. פייגענבוים, ל. קאָברין, ל. זאָלאָטקאָף, מאָרים ראָזענפעלד, פ. קראַנץ, ב. גאָרין, מ. באַראַנאָוו. האָט אויך ארויסגעגעבן דעם „אידיש-אַמעריקאַנישן פאָלקס-קאַלענדאַר", און אַ זאַמל-בוך „דעם צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט".

אין 1920 האָט הארקאַווי אַלס שליח פון די נאָוואַרידקער לאַנדסלייט באַזוכט זיין געבורטס-שטאָט און זיינע איינדרוקן באַשריבן אין אַ ריי אַרטיקלען אין „פאָרווערטס", ווי אויך אין דעם בוך „נאָוואַרעדאָק — איר היסטאָריע און איר היינטיגער לעבן", מיט אַ בילדער-אַלבום.

אין 1924 איז ער געפאָרן נאָך ווין, וואו ער האָט גע-דרוקט זיין גרוים לעבנס-ווערק — אַ ידיש-העברעאיש-ענגליש ווערטער-בוך.

אין 1926 איז הארקאַווי אויסגעוויילט געוואָרן פאַר'ן פאָרזיצער פון דעם פעדאַגאָגישן ראַט בא דעם בילדונגס קאָ-מיטעט פון ארבעטער רינג.

אין יאָר 1928 איז הארקאַווי אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעם ערשטן ערן-מיטגליד פון אַמאָפּטייל פון ייוואָ.

אין 1930 האָט דער יובילאַר באַזוכט איירָאָפּע און איז געוועזן דער גאַסט פון דער צענטראַלע פון ייוואָ אין ווילנע.

אין 1931 האָט הארקאַווי אָפּגעדרוקט אין די „ייוואָ-בלעטער" אַ מוסטער פון זיין גרויסן אידישן ווערטערבוך אויף וועלכן ער ארבעט שוין יאָרן-לאַנג.

דעם 6טן מאַי 1933 האָט דער אַמאָפּטייל פון ייוואָ, צוזאַמען מיט דעם דערציאונגס-דעפּאַרטמענט פון ארבעטער רינג און זיינע לאַנדסלייט, נאָוואַרידאָקער בר. 146 אר. רינג, געפייערט הארקאַווי'ס 70 יאָריקן יובילֵיי מיט אַ באַנקעט און ארויסגעגעבן דאָס דאָזיקע ביכעלע לכבוד דעם יובילאַר.

האַרקאַווי־ביבליאָגראַפיע

די דאָזיקע רשימה פון ביכער, אַרטיקלען, איבערזעצונגען און צייטשריפטן, וואָס זיינען אָנגעשריבן, רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן געוואָרן פון אונזער חשובן יובילאַר אלכסנדר בן יוסף משה האַרקאַווי פּרעטענדירט ניט אויף פולשטענדיקייט.

עס איז בא דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער ביבליאָגראַפיע אומעגלאך צו באַאַרבעטן דאָס גאַנצע, אַזוי פאַרצווייגטע פעלד פון האַרקאַווים ליטעראַרישער טעטיקייט.

באַזונדער שווער איז פעסטצושטעלן גענוי די דאַטעס און די צאָל אויפלאַגעס פון האַרקאַווים ווערטערביכער.

מיר האָבען פאַררעגיסטרירט נאָר די אויפלאַגעס, וואָס עס איז אונז געלונגען פעסטצושטעלן.

די פּרעמדשפּראַכיקע טעקסטביכער, ווי די רוסישע, למשל, האָבן מיר אינגאַנצן אויסגעלאָזן פון דער ביבליאָגראַפיע.

אין דער ביבליאָגראַפיע זיינען אַריין נאָר די פרעמדשפּראַכיגע אַרבעטן, וואָס האָבן אַ יידישע טעמע. און דאָ האָבן מיר אייניקע אַרטיקלען אויסגעלאָזט פון דער רשימה.

מיר באַטראַכטן די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע ווי אַ התחלה, הגם דאָס איז ניט דער ערשטער פּרוב צוזאַמענצושטעלן אַזאַ מין ביבליאָגראַפיע.

אין 1926 איז לכבוד דער דערשיינונג פון דעם „יידיש־ענגליש־העברעאישן ווערטערבוך” ארויס אַ „באַנקעט־זשורנאַל” און דאָרטן געפינט זיך אַ רשימה פון האַרקאַווים אַרבעטן.

אונזער רשימה איז אַ סך אַ פולשטענדיקערע — הגם זייער ווייט נאָך פון פולשטענדיקייט.

באַטראַכטנדיק די דאָזיקע ביבליאָגראַפיע פון אַלכסנדר האַרקאַווים שריפטשטעלערישער טעטיקייט ווי אַ צושטייער צו דער ריכטיקער ביבליאָגראַפיע — זיינען מיר צופרידן, וואָס אין טאָג פון זיין זיבעציקסטן געבוירנטאָג זיינען מיר בכח אים צוצוטראָגן די דאָזיקע באַשיידענע מתנה.

דער אַמעריקאַנער אָפּטייל פון
יידישן וויסנשאַפטלאכן אינסטיטוט.

I.

אַרבעטן איבער פילאָלאָגיע, פאָלקלאָר און לעקסיקאָגראַפיע

דיא יידיש־טייטשע שפראַך

ניו־יאָרק, 1886. 36 זייטן.

„דיזעס ביכעל איז דער ערשטער טראָט וואָס איך מאַך אין דער ליטעראַרישער וועלט... [פון דער הקדמה]

בריוו מכח אונזער שפראַך.

געחתמעט Hippens „ניו־יאָרקער אידישע אילוסטרירטע ציי־טונג". 1888, נומער 6.

חכמת ישראל,

על דבר גליון בבלי

[דאַטירט: מאָנטרעאָל, 25 אַפּריל 1888]

הצפירה. 21 יוני 1888, נומער 128.

לשאלת שפת יהודית מדוברת.

הצפירה, 1888 (נומער 207, 208). 5 און 6 דעצעמבער.

מבטא הרבה של אותיות ג׳ ד׳ ר׳

המגיד. XXIX (1885) נומער 50.

[אונטערגעשריבן: אַלכסנדר בן יוסף משה האַרקאַווי]

יידישע נעמען.

„דער יידישער פּראָגרעס" נומער 8, באַלטימאָר, 24 יולי 1890.

איבערגעדרוקט: מיניקעס שבועות בלאַט 1902.

אַ פאָלק אָהן אַ שולע.

„דער יידישער פּראָגרעס" נומער 2. באַלטימאָר: 12 יוני 1890.

די זשאַרגאָנישע גראַמאַטיק.

„ניו־יארקער יודישע איללוסטרירטע צייטונג", 1887, נומער 5 און 6.

אַ קלאָרע תשובה פון היפּעאוסן פאַר העררן ווייסמאַן.

דאָרטן, נומער8.

[אַן אינטערעסאַנטע פּאָלעמיק וועגן דער ייידישער שפּראַך גע־פירט מיט ראובן ווייסמאַן.]

די שפּראַך פון דער צוקונפט.

„דער יידישער פּראָגרעס" נומ. 5. באַלטימאָר, 3 יולי 1890.

[געחתמעט: Hippeus]

A Contribution to Comparative Philology.

New York. 1892.

איז יודיש־דייטש אַ שפּראַך?

„דער אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדאַר", 1894-95. 54—38.

האנדריאַנע

[די ערקלערונג פון דעם וואָרט]

„דער אמת", באָסטאָן 1895. נומער 22, ז. 185.

גויישע נעמען ביי אידען.

„דער אמת", באָסטאָן, 1895. נומער 24, זייט 208.

ענגליש און יידיש.
„דער יודיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדער״. 1895—96.
ז. 48—52.

היש משפט לשון לשפת יהודית?
תשובה ברורה לשוטני שפת יהודית המדברת.
[געדרוקט אין „נר המערבי״, באַנד I, העפטן 2, 3, 8 און 9].

— סעפאַראַט־אָפּדרוק
ניו־יאָרק תרנ״ו (1896). 24 זייטן.

— דאָס זעלבע איבערגעזעצט פון מחבר אויף יידיש.
געדרוקט אין מיניקעס „יאָהרבוך״, 1906.

שינוי השם
„נר המערבי״. 1896, II, ז. 111.

פּאָעזיע און רעגלען פון פּראָזאָדיע.
„יידישע גאַזעטן״, 1897.

היסוד העברי בלשון היהודית.
„קדימה״. ניו־יאָרק, 1899, נומער 11.

וועגען איבערזעצען.
וואָס עס איז נויטהיג צו וויסען אום צו קענען מאַכען איבערזעצונגען פון איין שפּראַך אין אַ צווייטע.
„יידיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדער. 1899—1900.
ז. 56—58.

ראָזענפעלד׳ס פּאָעזיע אין פראַנצויזיש.
„יידיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדער״. 1899—1900.
ז. 83—85.

The Yiddish Language.
Amercian Jewess. 1900.

Folk-Songs.
Jewish Encyclopedia (1900) Vol. V. 427.

Babski Refues.
Jewish Encyclopedia, V. 398-399.

יידישע פּאָעזיע אין ענגליש.
וועגען פּראָפעסאָר לעאָ וויענער׳ס ענגלישע איבערזעצונג פון מאָררים ראָזענפעלד׳ס געדיכטע.
„דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט״, 1900. ז. 41—47.

יידישע באַלאַדען אין העברעאיש און יידיש־דייטש.
„די נאַציאָן״. ניו־יאָרק, 1901, נומער 1. ז. 19־21.

גרייזיקע ענגליש ביי יידן.
„פאָרווערטס״, 1921.

אַן אַלטע יידישע קאָניוגאַציע.
„יידישע פילאָלאָגיע״. באַנד I, 1924, ז. 212—213.

אויסצוגן פון דעם „יידישן פאָלקס־ווערטערבוך״.
„ייוואָ־בלעטער״, ווילנע. באַנד I, 1931, 289—300.

II

געשיכטע

די געשיכטע פון דיא יודען אין קאנאדע.

„אילוסטרירטע יודישע ציטונג". ניו־יארק, 1887, נומער 1.

היהודים בקאנאדה.

„הצפירה". 1888, נומער 29, 30, 106, 114.

תולדות יהודי מדינות הברית באמיריקה.

הצפירה. 1888, נ. 67.

לישוב ארץ ישראל.

המגיד, XXX, נומער 23.

מי הסגיר את ישוע הנוצרי למות?

אמת מארץ תצמח!

הפסגה, II, 1890, נומער 5 פון 10טן מאי.

דיא יידען אין פערסיען.

מיניקעס' יום טוב בלעטער, פורים בלאט 1901.

די היסטאריע פון חנוכה.

„ניו־יארקער יודישע איללוסטרירטע ציטונג", 1887, נומער 3.
[די געשיכטע איז איינע קורצע סקיצצע פון דעם גראססען ווערק, וואס הר' אלכסנדר הארקאווי האט געשריבן מיט דעם נאמען: אונזערע עלטערן אונטער דעם יאך פון די יונים אין סוריע און זייער בעפרייאונג"]

די יודישע רעוואלוציאן פאר 2000 יאהר אדער די געשיכטע פון חנוכה.

ניו־יארק, פארלאג קריגער עט ליפשיץ. 1892, 16 זייטן.

געשיכטע פון די יודען אין רוסלאנד און פוילען.

צוקונפט, 1904 (נומער 2, 3, 4, 5, 7, 9, 11).

די ארבייטער אין משה רבינו'ס צייטען.

„די נייע צייט", 1886, נומער 1.

חנוכה.

(פארשונג איבער דער אנטשטייאונג פון דעם יום טוב)
„צוקונפט", 1904 נומער 7 (יאנואר, ז. 12־16).

געשיכטע פון עלילת דם.

מיניקעס יום טוב בלעטער, פסח ציטונג, 1898, און ניי יודישע איללוסטרירטע ציטונג, 1888, נומער 10.

מסכת דרך ארץ אדער די עטיקעטע פון תלמוד.

מיניקעס יום־טוב בלעטער, שבועות בלאט 1901.

א טייך א שומר שבת.

אדער דיא לעגענדע פון דעם סמבטיון.
מיניקעס פסח בלאט 1902.

בלוט בלבול געגען אידען און זייערע פאַרטהיידיגער.
מיניקעס שבועות בלאַט 1903.
[מיט אַ רשימה פון קוועלן באַנוצט פאַר דעם אַרטיקל]

נאָוואַרעדאָק.
איהר היסטאָריע און איהר היינטיגער לעבען.
ארויסגעגעבען פון „נאָוואַרעדאָקער הילף קאָמיטעט אין ניו־יאָרק” לטובת דעם פאָנד צו העלפען די שטאָט.
נ״י. 1921. 160 זייטן.
[מיט אַ סך בילדער אין טעקסט]

III

לערנביכער און ווערטערביכער

דער ענגלישער לעהרער.
(געשפּרעכן און גראַמאַטיק)
ניו־יאָרק, 1891.

דער ענגלישער אלף־בית.
(אַ ביכעל צום לערנען זיך לייענען און שרייבען ענגליש)
ניו־יאָרק, 1892.

האַרקאַווי'ס אַמעריקאַנישער בריעפענשטעלער.
ענגליש און יידיש.
נ״י. 1892. ארויסגעגבן פון י. קאַצענעלענבאָגען. 96 זייטן.
צווייטע אויפלאַגע 1894. דריטע אויפלאַגע 1899. 302 זייטן.
פינפטע אויפלאַגע 1902, 315 זייטן.

אלעקסאַנדער מעטהאָדע זיך גרינדליך אויסצולערנען דיא ענגלישע שפראַך אָהן אַ לעהרער.
פערלאַג פון ז. קאַנטראָוויץ עט קאָמפּ., 1893.
136+12+446 זייטן. 4°.

ענגליש־יידישעס ווערטערבוך.
ערשטע אויפלאַגע 1893.
צווייטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע 1895.
...זעקסטע — 1910. VIII+759 זייטן. ניו־יאָרק.

דער אַמעריקאַנישער לעהרער.
א פּראַקטישעס לעהר־ביכעל פיר יעדען איינגעוואַנדערטען יידען וואָס וויל קענען ענגליש און ווערען אַן אַמעריקאַנער בירגער.
ניו־יארק, 1894, 1897 א. אַ. ארויסגעגעבען פון י. קאַצענעלענבאָגען.

דר. אברהם אליהו הארקאווי.

לעבנסגעשיכטע, ניו־יארקער „צוקונפט“, אקטאבער, 1919, ז. 600-602.

פאלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך.

ניו־יארק, 1891. פארלאג י. סאפירשטיין, 752+VII זייטן.

פאלשטענדיגעס ענגליש־יודישעס ווערטערבוך.

מיט דער אויסשפראכע פון יעדען ווארט אין יידיש. מיט אן איינלייטונג און מיט די רעגלען פון טהיילונג פון ווערטער און זילבען און אקצענטירונג. זעקסטע פערבעסערטע און פארמעהרטע אויפלאגע. ניו־יארק. היברו פאבלישינג קא., 1910. 344, 759, XV זייטען.

תורת לשון אנגליה.

ספר ללמד לבני ישראל משפטי השפה המדברת באנגליה ובאמריקה.

בדפוס דוד ווערבעלאווסקי. ערשטע אויפלאגע, 1894.

[אין 1900 ארויס א נייע אויפלאגע (די ווירפילטע ?).]

80 זייטן. 8°]

ערשטעס ענגלישעס לעזערבוך.

ניו־יארק, 1895.

ענגליש אין אמעריקע.

א בוך צו ערלערנען דיא ענגלישע שפראך אהן א לעהרער מיט א יודיש־ענגלישען ווערטערבוך.

פערלאג פון יעקב סאפירשטיין. נ"י, 1897. 78 זייטן. 8°.

יידיש ענגלישעס ווערטערבוך.

ערשטע אויפלאגע, 1898, 352+XVI זייטן.

...זעקסטע אויפלאגע, פערבעסערט אונד פארגרעסערט.

1910. 364+XVI זייטן. 4°.

„היברו פאבלישינג קאמפאני“.

הארקאווים יידיש אמעריקאנישע שולע.

א פראקטישעס לעהרבוך פיר יידען אין אמעריקא צום לערנען ענגליש, יידיש און רעכענען.

נ"י. 1900. 160 זייטן, 8°.

בוכהאלטונג פיר יידען.

צוזאמענגעשטעלט נאך ענגלישע לעהר־ביכער פון בוכפיהרונג.

נ"י, 1902. 80 זייטן. „היברו פאבלישינג קאמפאני“.

[הקדמה פון פארפאסער דאטירט: יאנואר 1901]

הארקאווים אמעריקאנישער בריעפענשטעלער.

ענגליש און יידיש...

דריטע פערבעסערטע און פערמעהרטע אויפלאגע.

מיט בעזונדערע ביילאגע: בוכהאלטונג פיר יידען. נ"י, 1902.

אוצר לשון המקרא.

Student's Hebrew and Chaldee Dictionary to the Old Testament.

1st Edition, 1914; 3rd Edition, revised, 1924; VI+876+102 pp. Hebrew Publishing Company.

פראקטישע לעקציאָנען אין ענגליש.

פארלאג פון „פאָרווערטס“. ניו־יאָרק, 1921.

יידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך.

ניו־יאָרק. פארלאג פון דעם פאַרפאַסער. תרפ״ה [1925]
VII+530+VI זייטן. 4°.

[רעצענזיעס: ק. מרמר אין „פרייהייט“ פון 19 סעפט. 1926, ש. ניגער אין „טאָג“ פון 6 יוני 1926 און „ווילנער טאָג“ פון 4 און 5 יולי 1926; דר. י. שאַצקי „פרייע אַרבעטער שטימע“ נומ. 44, 1926.]

יידיש־ענגליש־העברעאישער ווערטערבוך.

צווייטע, פאַרבעסערטע און פאַרגרעסערטע אויפלאַגע.
ניו־יאָרק, 1928. 584 זייטן. 4°.

דער שפּאַנישער לערער.

אַ ליכטע מעטאָדע צו לערנען לייענען, שרייבן און ריידן שפּאַניש, פון פּראָפ. שאול ראָזא. אונטער דער רעדאַקציע פון אַלכסנדר האַרקאַווי.
נ״י, 1929. 200 זייטן. 8°.

ענגלישע לעקציעס פון דער יידישער שפּראַך.

[געגאַנגען אין פאָרטזעצונגען אין „מאָרגען־זשורנאַל“ פון מאַי 1932 ביז מאַרטש 1933]

IV

אַמעריקאַנאַ

וואשינגטאָן, דער ערשטער פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאַטען.

ניו־יאָרק, 1892. פערלאַג קאַנטאָראָוויטש, 32 זייטן.

קאָלומבוס אָדער די אנטדעקונג פון אַמעריקע.

ניו־יאָרק, 1892.

קאָנסטיטוציע פון די פאראייניטקע שטאַטען.

(איבערגעזעצט אין יידיש)
ניו־יאָרק, 1897.
[אָפטמאָל איבערגעדרוקט.]

דער סיטיזען.

(געזעץ פון בירגערשאַפט אין אַמעריקע)
ניו־יאָרק, 1899.

V

טעאַטראַליאַ

טהעאַטער.

„דיא אידישע ביהנע". ניו־יאָרק, 1897. 2 זייטן.
[איבערגעדרוקט אין מיניקעס יום טוב בלעטער, חנוכה 1901]

איך אלס אַקטיאָר.

(זכרונות פון מיינע אונגעלשע יאָהרען)
„דער טהעאַטער זשורנאַל", 1902, נומ. 14 ; ז. 11—10 ; נומ. 15, ז. 5—4.

[איבערגעדרוקט אין : האַרקאַווי באַנקעט זשורנאַל. ניו יאָרק, 1926]

טהעאַטער אַ שולע.

„דער טהעאַטער זשורנאַל", 1902, נומער 1, ז. 3.

קריטיק אויף פיעסען.

„דער טהעאַטער זשורנאַל". 1902. נומער 10, ז. 2—1.

VI

איבערזעצונגען און רעדאַקציעס

(ביכער און זשורנאַלן)

די צייט

(צייטונג פאַר בילדונג און קאָלאָניזאַציע), מאָנטרעאָל, 1887.
[געדרוקט ליטאָגראַפיש, ארויס בלויז איין נומער.]

דער יידישער פּראָגרעס.

וואָכנבלאַט. באַלטימאָר, 1890.
[דער ערשטער נומער ארויס דעם 4 יוני 1890, אינגאַנצן דערשינען ניין (9) נומערן]
[קאָמפּלעט אין אַרכיוו פון ייוואָ, ווילנע]

The Hebrew American.

(וואָכנבלאַט פאַר לערנען ענגליש)
ניו־יאָרק, 1894. ארויס 28 נומערן.

דער אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדער.

אַ יאַהרבוך פיר אונטערהאַלטונג און בעלעהרונג.
יאָהר תרנ״ה. 1894—95. ניו יאָרק. 80 זייטן, 8°.

— דער יודיש־אַמעריקאַנישער פאָלקס־קאַלענדער.

אַ יאַהרבוך פיר אונטערהאַלטונג און בעלעהרונג.
1) יאָר תרנ״ו (1895—96). 80 זייטן.
2) יאָר תרנ״ז (1896—97). 116 זייטן.
3) יאָר תרנ״ח (1897—98). 138 זייטן.
4) יאָר תר״ס (1899—1900. 98 זייטן.

געשיכטע פון דאָן קיכאָט.

פון מיגועל צערוואַנטעס.
איבערגעזעצט פון שפּאַניש און פאַרגליכען מיט דער ענגלישער און דייטשער איבערזעצונג.
„היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני".
ערשטע אויפלאַגע. נ״י, 1897. XVI+583 זייטן.
[איבערגעדרוקט עטלעכע מאָל. די דאַטן לאָזן זיך ניט פעסט־שטעלן.]

דער נייער גייסט.

(מאָנאַטשריפט פאַר וויסנשאַפט, ליטעראַטור און קונסט)
ניו־יאָרק, אָקטאָבער, 1897 — יולי, 1898.

דער 20סטער יאָהרהונדערט.

ליטעראַרישע אויסגאַבע פיר 1900.
ניו־יאָרק. [ארויסגעגעבן פון דעם רעדאַקטאָר גופא.]
70 זייטן, 8°.

די אידישע גאס.

ערצעהלונג פון ה. דובינסקי, מיט א „במקום הקדמה" פון אלכסנדר הארקאווי, באסטאן, 1908.

The Twenty-Four Books of the Old Testament.

Authorized version, revised by Alexander Harkavy. New York. 1915.

The Book of Psalms.

Authorized version, revised by Alexander Harkavy, with exegetical notes by the reviewer. New York. 1915.

Graetz's Popular History of the Jews.

Translated by Dr. A. Rhine and edited by Alexander Harkavy. New York, 1918. Hebrew Publishing Company.

פאגטס וועלט-געשיכטע.

באארבעט אין יידיש פון א. ח. ראזענבערג, רעדאקטירט פון אלכסנדר הארקאווי. ניו יארק, 1918. 12 בענד.

די יודען אין רוסלאנד און פוילען.

פון פראפ. ישראל פרידלענדער. איבערגעזעצט אין יידיש פון אלכסנדר הארקאווי, מיט אנמערקונגען פון דעם איבערזעצער. ניו-יארק, 1920.

מיסצעלן

אַמאָל און היינט.

„אַ קורצער בליק אויף די אידישע דרוקעריייען און צייט־שריפטען אין אַמעריקע“.

„דער טהעאַטער זשורנאַל און פאַמיליען־פריינד“, יאנ. 1, 1903 (ז. 5—6) ; יאנ. 15 (ז. 7).

[ציטירט לויט שטאַרקמאַן : „פנקס“, נ״י, I, 314, 11]

ספר מגלה טמירין דאמעריקא והוא קבוץ אגרות... אנשים תמימים... נסדרו ע״י ברכיה בר יוסף.

„דער יודישער זשורנאַל“ [די וואָכנטלאכע אויסגאַבע פון דעם נוי־יאָרק „אַבענד־פּאָסט“] 1902, באַנד 4. נומערן 147, 152, 155, 156 און 158—160.

[Davidson I. Parody in Jewish Literature, p. 223]

סואווועניר פון חברה פי תמיד.

[אַ הומאָריסטישע שריפט ארויסגעגעבן פון צייט צו צייט פון דער חברה : פי תמיד (טרינק אַלע מאָל].

1903, 16 זייטן (נומער 1). נומער 2, 1904. 16 זייטן. נומער 3, 1906. 16 (2) זייטן.

[אַ גרויסע זעלטנהייט. אַ קאָמפּלעט געפינט זיך אין דער נוי־יאָרק עפנטלעכער ביבליאָטעק].

פרייליכע נאָטיצען לכבוד אַפּריל, פורים און פסח.

מיניקעס פסח בלאַט תרס״ד [1903]

די ערשטע צייטען פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע.

„יידישעס טאַגעבלאַט“, מערץ 20, 1910.

[שטאַרקמאַן, פנקס, ז. 317]

געאָגראַפיע אָדער בעשרייבונג פון דער ערד.

אין צוויי בענדער.

ערסטער באַנד : XV+358 זייטן.

צווייטער באַנד : XII+414 זייטן. נ״י, 1911.

Memorial of Bella Harkavy.

New York, 1931. 32 pp.

פרקים מחיי מימי ילדותי עד תרמ״ד.

נוי־יאָרק, 1933. 64 זייטן, 8°.

[פריער געדרוקט אין זשורנאַל : הלאום, אין 1903—04]

האַרקאַווי אין יאָר 1882 ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע